# מאמר התחזקות:

**א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים**



גליון מוגדל ל"ג בעומר

געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון נ"ג | אמור - ל"ג בעומר תש"פ

### הוּא מְאִירַת עֵינֵינוּ:

# די הייליגקייט פון די אויגן

## במשנת התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי

די צוויי אויגן פון א מענטש זענען צוויי וואונדערליכע איברים וואס דער רבש"ע האט אונז געשאנקען. דאס אויג איז גאר אן איידעלער, עמפינדליכער אבר, מער ווי אלע אנדערע איברים אינעם קערפער, דאס קען מען נישט אנכאפן אדער אפילו צורירן מיט דער האנט. נאכמער פון דעם איז דאס אויג שטארק פארבינדן מיט די מערסט רוחניות'דיגע איברים אינעם מענטש, ווי דאס הארץ און דער מח, זייענדיג דער טויער וואו ס'קומט אריין אלע אינפארמאציע וואס זיי פארמאגן.

דאס אלעס איז אבער בלויז וואס מיר זעען און פארשטיין מיט אונזער השגה.

דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי אין זוהר אנטפלעקט אונז ווי יעדער קליינער חלק פונעם מענטשליכן אויג, די קאלירן, דער פארעם, יעדעס האטל, ווער רעדט נאך די זע-קראפט וואס געפינט זיך אינעם שווארץ-אפל, אלעס איז מרמז אויף גאר הייליגע זאכן אין די הויכע עולמות און זענען א מרכבה צו דער שכינה הקדושה וועלכע רוט אויף זיי. דערפאר טוט יעדע ראיה אויף גאר אסאך אין די עולמות העליונים, און אפילו בלויז א רוק מיט די אויגן-לעפלען, צום גוטן אדער חלילה דאס פארקערטע.

די ווערטער פון רבי שמעון בר יוחאי טראגן מיט זיך א טיפן דערהער, ווי אזוי מיר דארפן באטראכטן און ריכטיג ארויסהאבן אונזער טאג טעגליכע עבודה אין שמירת עינים. ס'איז נישט בלויז אז מיר האבן נישט **דערלייגט** און מונע געווען א שאדן וועו מיר האלטן זיך צוריק און מיר געבן אכטונג אויף אונזערע אויגן, נאר מיר האבן אין יענער סעקונדע **פארדינט** אויסערלישע ריווח און אויפגעטון גאר אסאך. אונזער קליינע פעולה מיט'ן רוקן די אויגן דארט וואו די תורה הייסט אונז, ברענגט כבוד פאר דער שכינה הקדושה וועלכע רוט אויף זיי, און הייליגט דעם אויבערשטנ'ס נאמען אין אלע עולמות. ס'איז די גרעסטע זכיה וואס מיר קענען האבן!

אויך ברענגען אונז זיינע הייליגע ווערטער צו פארשטיין וואספארא כח מיר פארמאגן מיט יעדן בליק וואס מיר געבן. פון איין זייט דאס גרויסע אחריות חלילה נישט פוגם צו זיין און קאליע מאכן מיט'ן ניצן די אויגן נישט ריכטיג, און פון דער אנדערער זייט דעם געוואלדיגן נחת רוח וואס מיר פארשאפן פאר'ן רבש"ע מיט יעדן בליק וואס איז יא אויסגעהאלטן אדער ווען מיר האלטן זיך צוריק פון קוקן דברים אסורים.

---

**בלבבי משכן אבנה:**

### די קומה פון א מענטש - א קליינער בית המקדש

אז מיר קוקן זיך זעלבסט אן, זעען מיר בלויז גשמיות'דיגע איברים געמאכט פון חומר. דאס איז צוליב אונזער קליינער השגה דא אויף דער וועלט. אבער אז מ'בליקט אריין אביסל אין זוהר הקדוש, אנטפלעקט זיך א בילד ווי די גאנצע קומה פון א איד באשטייט פון העכערע זאכן און טיפע רמזים. ס'איז ממש א בית המקדש וואו די שכינה הקדושה רוט.

אזוי שטייט אין זוהר הקדוש פרשת שלח (דף קסא סוף ע"א): "**תָּא חֲזֵי, כַּד בָּרָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בַּר נָשׁ בְּעָלְמָא, אַתְקִין לֵיהּ כְּגַוְונָא עִלָּאָה**" - ווען דער רבש"ע האט באשאפן דער מענטש אויף דער וועלט, האט ער אים געמאכט גלייך צו אויבן. ווייטער רעכנט דער זוהר הקדוש אויס בפרטיות אז דאס הארץ און דער מח זענען ווי דער "**קדשי קדשים**", וועלכער איז דער צענטער פון דער גאנצער וועלט, אזוי איז דאס הארץ דער צענטער פון אלע איברים, און דער מח איז צוגעבינדן צום הארץ.

## למען תספר:

# דער כח פון צדיקים מיט זייערע אויגן

אינעם מאמר האבן מיר געברענגט אסאך שטיקלעך פון זוהר הקדוש איבער דער גרויסער קדושה וואס די אויגן פארמאגן, און אז די שכינה הקדושה רוט אויף אויגן וואס מ'היט ווי ס'דארף צו זיין. צוליב דעם געפינען מיר טאקע ווי חכמינו ז"ל, און אזוי אויך אסאך שפעטערדיגע צדיקים ואנשי מעשה, האבן זוכה געווען צו הייליגע אויגן און פארמאגט א מורא'דיגן כח צו באווייזן מיט זיי וואונדער, היילן קראנקע, אדער ברענגען א מפלה פאר רשעים.

ווי דער **ספר הברית** ערקלערט דאס (ח"א מאמר י"ד איכות החי פרק ה'):

**די תנאים און חכמי המשנה, וויבאלד זיי האבן אפגעהיטן זייער חוש הראות און האבן קיינמאל נישט פוגם געווען מיט זייערע אויגן, דערפאר האבן זיי געהאט אזא גרויסן כח מיט דעם חוש. אזוי ווייט אז זיי האבן געקענט הרג'ענען רשעים מיט איין קוק, אזוי ווי מ'זעט אין ש"ס אסאך מאל. אט דעם כח האט דער רבש"ע געגעבן פאר זיינע חסידים, ווי דער פסוק זאגט (תהלים צא ח), "רק בעיניך תביט ושלומת רשעים תראה".**

אזוי שרייבט אויך דער **ראשית חכמה** (שער הקדושה פ"ח אות נ-נא) נאכדעם וואס ער ברענגט די אלע ווערטער פונעם זוהר הקדוש איבער דער גרויסער קדושה פון די אויגן:

**א באוויז צו דעם אז די שכינה רוט אין די אויגן פון א מענטש וואס גיבט אכטונג אויף זיי, האב איך געהערט אן עדות פון א איד א תלמיד חכם וועלכער איז געווען אין די מערב לענדער, און דארט האט ער געזען א גרויסן חסיד וחכם וואס היט זיך גאר שטארק זיינע אויגן, ער גייט שטענדיג מיט די אויגן אראפגעבויגן צו דער ערד און הייבט זיי קיינמאל נישט אויף, און צוליב זיין געוואלדיגער קדושה פאסירן ביי אים פילע מעשי נסים, און יעדער וואס טוט אים שלעכטס לעבט נישט איבער דאס יאר.**

השמך אויף זייט 2

## למען תספר:

המשך פון זייט 2

אין ספר נפש חיים (מערכת ע' אות לד) ווערט געברענגט אויף **הרה"ק רבי חיים אבולעפיא זצ"ל**, בעל עץ החיים, אז ער איז שטענדיג נזהר געווען מיט זיינע אויגן נישט ארויסצוקוקן אינדרויסן פון זיינע ד' אמות, און דערפאר אויב איינער האט געטשעפעט מיט אים האט נישט מוציא שנתו געווען.

### "נתן בו עיניו ונעשה גל של עצמות"

אין חז"ל טרעפן מיר אסאך סיפורים פון תנאים ואמוראים איבער'ן גרויסן כח וואס זיי האבן פארמאגט אין זייערע אויגן. ווי די באקאנטע גמרא פון **ר' שמעון בר יוחאי** (שבת לד.) אז ער האט געקוקט אויף יהודה בן גרים, וועלכער איז געווען דער וואס האט צוגעברענגט אז ער זאל דארפן אנטלויפן אין דער מערה, און ער האט אים געמאכט א גל של עצמות. אזוי פארציילט אויך די גמרא אויף **ר' יוחנן** אז זענדיג א געוויסן תלמיד וועלכער לאכט אפ פון דרשות חז"ל, האט ער געמאכט פון אים א גל של עצמות (בבא בתרא עה., סנהדרין ק.), און דאס זעלבע האט **רב ששת** געטון מיט א צדוקי וואס האט געטשעפעט מיט אים אז ער איז א סגי נהור (ברכות נח.).

ענליך ווערט פארציילט אין זוהר הקדוש (ח"ג דף רסא:) אז רבי אלעזר און רבי חייא זענען געגאנגען אויפ'ן וועג, אינמיטן האבן זיי געזען רויבער היטער זיי וועלכע ווילן זיי שעדיגן. האט רבי אלעזר געגעבן א קוק אויף זיי, און ס'זענען געקומען צוויי חיות וועלכע האבן זיי דער'הרג'עט.

*

אן אינטערעסאנטע זאך שטייט אין **מדרש תלפיות** (לבעל שבט מוסר, אות ב' ענף בעלי חיים, וראה עוד בענף דברים נפלאים) איבער די אלע סיפורים פון חז"ל וואו תנאים ואמוראים האבן עמיצן אוועקגעלייגט דורך א בלויזן בליק:

**ס'זענען דא אויף דער וועלט געוויסע חיות און עופות וואס זייער טבע איז אז זיי קענען הרג'ענען אנדערע מיט זייער זע-קראפט. די סיבה פארוואס דער רבש"ע האט זיי באשאפן איז, כדי אונז מיר זאלן גלייבן אינעם כח וואס צדיקים האבן אין זייערע אויגן אז זיי קענען אויך אומברענגען דורך זיי. און היות אין יעדן דור זענען פארהאן ליצים וואס זוכן אפצולייקענען דעם כח פון צדיקים, און זיי זאגן אז ס'האט גארנישט מיט זיי נאר 'פונקט' איז אנגעקומען די צייט ווען די מענטשן האבן געדארפט שטארבן בדרך הטבע, דעריבער האט דער רבש"ע באשאפן די חיות און עופות, אז די זאך זאל נישט זיין קיין וואונדער און מיר זאלן זיך אליין איבערצייגן אז דאס עקזיסטירט.**

המשך אויף זייט 3

די כוונה דערפון שטייט אין די ספרים הקדושים, אז פונקט ווי דער בית המקדש איז געווען געבויט פון האלץ און שטיין אבער זיי זענען בלויז געווען כלים מקבל צו זיין די שכינה הקדושה וואס האט דארט גערוט, דאס זעלבע ממש האט דער רבש"ע באשאפן יעדן איד. דער גאנצער קערפער איז ווי א קליינער בית המקדש וואו ס'איז דא השראת השכינה, און יעדער אבר באזונדער איז אן אנדער ארט פונעם בית המקדש.

די פליכט פון א איד איז צו טון די עבודה אין זיין בית המקדש און געבן כבוד פאר די שכינה הקדושה. און דאס טוט מען דורכ'ן אויסניצן די איברים מקיים צו זיין דעם רצון ה' און אכטונג געבן זיך צו האלטן ריין און זויבער פון יעדער עבירה.

**והיו הכרובים פורשי כנפים:**

## די אויגן - דער ארון, די כרובים, און די צוויי לוחות

דער הייליגסטער פלאץ אין בית המקדש איז געווען דער קדשי קדשים. דארט האט זיך געפונען דער הייליגער ארון וואס אין דעם זענען געליגן די צוויי לוחות, און אויפ'ן ארון איז געווען דער כפורת, וואס האט באדעקט די לוחות.

די צוויי אויגן פון א מענטש זענען די צוויי הייליגע **לוחות הברית**, ווי דער לשון אין תקוני זוהר (דף קמה.), **"תְּרֵין עַיְנִין אִנּוּן תְּרֵין לוּחִין יַקִּירִין דְּאוֹרַיְיתָא"** - די צוויי אויגן זענען די צוויי לוחות פון דער תורה. און דער רינדעכיגער באל פון דער אויג, דאס איז דער **כפורת** פונעם ארון (תיקונים תיקון ע' דף קכח. ע"פ מתוק מדבש).

העכער'ן כפורת זענען געשטאנען די צוויי הייליגע כרובים מיט אויסגעשפרייטע פליגלען, ווי די תורה זאגט, **"והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה סוככים בכנפיהם על הכפורת"** - די כרובים זאלן שטיין מיט אויסגעשפרייטע פליגלען אויף ארויף, באדעקנדיג מיט זייערע פליגלען אויפ'ן כפורת.

יעדעס אויג פארמאגט צוויי דעקלעך פון א דינער הויט, איינס פון אויבן און איינס פון אונטן. דאס אונטערשטע דעקל בלייבט שטענדיג אויפ'ן זעלבן פלאץ, בעת דאס אויבערשטע דעקל קען זיך עפענען און פארמאכן לויט'ן ווילן פונעם מענטש. אזוי קאנטראלירט דער מענטש וואס ער וויל יא זען און וואס נישט.

שטייט אויף דעם אין תיקוני זוהר (תיקון ד' דף יח, ובתיקון ע' שם; ע"פ ביאור הראשית חכמה שער הקדושה ריש פ"ח אות ד' ה' ט'), אז די צוויי אונטערשטע דעקלעך זענען ווי די **כרובים**, און די אויבערשטע דעקלעך, וועלכע שפרייטן זיך אויס העכער די אויגן, זענען ווי די פליגלען פון די כרובים וועלכע האבן זיך אויסגעשפרייט איבער'ן כפורת.

און רבי שמעון בר יוחאי פירט אויס מיט מורא'דיגע ווערטער: **"תְּרֵין עַיְינִין, בִּזְמְנָא דְאִינּוּן מִסְתַּכְּלִין בְּאֹרַח מֵישַׁר"** - ווען די צוויי אויגן קוקן אויפ'ן גלייכן וועג, **"אִתְּמַר בְּהוֹן וּפְנֵיהֶם אִישׁ אֶל אָחִיו"** - ווערט געזאגט אויף זיי דער פסוק אז די כרובים זאלן זיין אויסגעדרייט איינער צום אנדערן, וואס דאס איז ווען די אידן פירן זיך אויף ערליך און די שכינה רוט צווישן זיי (עי' בבא בתרא צט, א). דאס זעלבע רוט די שכינה אויף אזעלכע אויגן. **"וּבִזְמְנָא דְלַאו אִנּוּן מִסְתַּכְּלִין בְּאֹרַח מֵישַׁר"** - אויב אבער חלילה קוקן זיי נישט אויף גלייכן וועג, **"הָא נָחָשׁ עֲקַלָּתוֹן תַּמָּן"** - דעמאלטס געפינט זיך דארט דער טמא'נער נחש, דער ס"מ מיט די קליפות (ע"פ מתוק מדבש).

**ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם:**

## שווארץ-אפל - דער פלאץ פון השראת השכינה

דער עיקר פונעם אויג איז דער שווארץ-אפל. דער שווארץ-אפל זיצט אין צענטער פונעם אויג, און דארט ליגט דער זע-קראפט פונעם מענטש. אין דעם קליינעם ארט איז באהאלטן גאר א גרויסע קדושה.

אויף דעם פינטל, אויפ'ן פלאץ וואו ס'איז דער כח הראיה פון א מענטש, דארט געפונט זיך קודשא בריך ושכינתיה. אזוי ווי דער זוהר הקדוש שרייבט (פנחס דף רכט: ע"פ ביאור הראשית חכמה שם), **"קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא שַׁרְיָא בְּרְאִיָּה"** - דער אויבערשטער און זיין שכינה הקדושה געפינען זיך אין דער ראיה פון א מענטש.

אין די ספרים הקדושים געפינען מיר אסאך איבער דער קדושה און רוחניות וואס ליגט אין די שווארץ-אפלען. ווי עס שרייבט **הרה"ק ר' יצחק מראדוויל זצ"ל** אין ספה"ק אור יצחק (פרשת וישב ד"ה וישאל) אז די אויגן איז דער טויער צו דער נשמה:

**די הייליגע נשמה פון א מענטש האט נאר איין טויער, און דאס איז די אויגן און דער כח הראיה, ווייל די אויגן איז דער פלאץ וואו די נשמה רוט. און צוליב דעם זעט מען טאקע ביי אלע אנדערע איברים אז אויב וועט ארויפפאלן אויף זיי ערד, וועט דאס זיי גארנישט שאטן. אבער אויב וועט ארויפגיין ערד אויף די אויגן, איז דאס ממש סכנת נפשות. פארוואס איז דאס אזוי? ווייל די אויגן איז א רוחניות'דיגער פלאץ, דארט איז דאס ארט וואו די נשמה געפינט זיך, און א דבר רוחני קען נישט פארנעמען קיין דבר גשמי, דעריבער איז א סכנה אויב מען לייגט ארויף זאמד אויף די אויגן.**

און דער הייליגער ראדווילער איז מוסיף, אז דאס איז די סיבה פארוואס ווען א מענטש גייט אוועק פון דער וועלט דארף מען אים צומאכן די אויגן. וויבאלד די נשמה רוט אין די אויגן און זי קוקט ארויס זיך מדבק צו זיין אין די קדושה, דעריבער פארמאכט מען גלייך די אויגן, אז עס זאל זיך נישט ארייננכאפן דארט א רוח טומאה.

אויך דער הייליגער **באר מים חיים זצ"ל** שרייבט (שער התפילה שער ניפול פרק נב עמ' של), אז די סיבה פארוואס

מ׳קען נישט ארויפלייגן די האנט אדער סיי וועלכע זאך אויפ׳ן שווארץ-אפל, איז צוליב וואס דאס אויג איז זייער א רוחניות׳דיגער, דקות׳דיגער אבר, אנדערש ווי אלע אנדערע גשמיות׳דיגע כלים פונעם גוף. און מהאי טעמא טאקע שעדיגט גאר שטארק יעדער מינדעסטער בליק וואס איז נישט אויסגעהאלטן, ווייל א דבר רוחני ווערט זייער שנעל נפגם (וכ״כ באור החיים הקדוש דברים לב י).

כולו שמותיו של הקב״ה:

## די צורה פונעם אויג - פול מיט שמות הקדושים

אויך די קאלירן מיט וועלכע די אויגן זענען צאמגעשטעלט ווייזן אויף העכערע זאכן, דורך די שמות הקדושים וואס זענען אין זיי מרומז אויף עטליכע אופנים, ווי דער זוהר הקדוש אנטפלעקט אונז:

אינעם אויג זענען פארהאן פיר קאלירן, וועלכע זענען אנטקעגן די פיר אותיות פונעם שם **הוי״ה**, און די פיר אויגן לעפלען - צוויי העכער די אויגן און צוויי אונטער די אויגן - זענען אנטקעגן די פיר אותיות פונעם שם **אדנ״י** (תיקונים תיקן ע׳ דף קכח.).

אויך זענען די אויגן קעגן די צען אותיות פונעם שם **הוי״ה** במילואו. די זיבן הייטלעך וואס זענען דא אינעם אויג זענען אנטקעגן זיבן אותיות, און דריי פון אירע קאלירן זענען אנטקעגן די איבריגע דריי אותיות (תיקוני זוהר חדש צו:).

אויך דער פארעם פונעם אויג איז אנטקעגן דעם שם **הוי״ה**: דער רונדעכיגער באל אינדערמיט איז די צורה פונעם אות י׳, דער אויסגעצויגענער ברייט פונעם אויג איז די צורה פונעם אות ו׳, און די צוויי לעפלען זענען אנטקעגן די צוויי ה׳ (תיקונים תיקן ע׳ דף קכח:).

אין ספה״ק **אור צדיקים** (עמוד העבודה פ״א) שרייבט ער אויף דעם זוהר, אז וויבאלד די פיר קאלירן פון די אויגן ווייזן אויף די פיר אותיות פונעם שם הוי״ה ברוך הוא, קומט אויס אז **ווען איינער קוקט אויף דברים שבקדושה, איז ער מיט דעם מכבד און מאכט לייכטן די הייליגע אותיות פונעם שם הוי״ה. פארקערט אבער, ווען איינער קוקט אויף מיאוס׳ע זאכן, איז דאס א געוואלדיגער בזיון חלילה פאר׳ן הייליגן באשעפער.** דעריבער דארף מען זיך אסאך שטארקן און מחזק זיין צו היטן ריכטיג די אויגן, עכ״ד.

נמליכו ונייחדו:

## לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה

נאך שטייט אין **קב הישר** (פרק מ׳), אז ווען א מענטש גייט אויף דער גאס מיט שמירת עינים, ער קוקט אראפ צו דער ערד, איז אויסערדעם וואס ער באהיט זיך נישט נכשל צו ווערן מיט ראיות אסורות, איז ער מיט דעם מייחד קודשא בריך הוא מיט דער שכינה הקדושה, וואס דאס איז א געוואלדיגער נחת רוח פאר׳ן רבש״ע. ווייל די אויגן ווייזן אויפ׳ן שם **הוי״ה**, ווי דער זוהר הקדוש שרייבט, און די ערד איז אנטקעגן דער **שכינה** (עי׳ זוה״ק ח״ג רמג:). דעריבער טרעפן מיר אז פריערדיגע חסידים פלעגן גיין מיט די אויגן אראפ, און אינזינען האבן דערביי **״לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה״**, עכ״ד.

ענליך צו דעם שרייבט דער **פלא יועץ** (ערך ראיה): ״אינעם אויג איז דא דער שם **הוי״ה**, און ווען מען קוקט צו דער ערד, וועלכע איז אנטקעגן דעם שם **אדנ״י**, איז מען מייחד דעם אויבערשטנ׳ס נאמען. אויב אבער קוקט מען ארויף אויף וואס מ׳דארף נישט, איז מען מפסיד און מען טיילט אפ דעם יחוד״.

ישראל אשר בך אתפאר:

## א בילד פונעם מלך מלכי המלכים

און ווען א איד מאכט אז די שכינה הקדושה זאל קענען רוען אין זיינע אויגן, ברענגט דאס גאר א געוואלדיגן נחת רוח פאר׳ן רבש״ע. ווי מיר געפינען מורא׳דיגע ווערטער אין תיקוני זוהר (תיקון יח לז ע״ב):

״**זַכָּאָה אִיהוּ אֵבֶר דְּעָבִיד בֵּיהּ מִצְוָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא**״ - וואויל איז דעם אבר וואס דער מענטש האט מיט אים געטון א מצוה פאר׳ן אויבערשטן, ״**דִּבְגִינָהּ נָחִית קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְשַׁרְיָיא בְּכָל אֵבֶר דִּילֵיהּ**״ - ווייל צוליב אים נידערט דער רבש״ע אראפ צו רוען אויף דעם מענטש. ״**וְעַל הַאי בַּר נַשׁ מַכְרִיזִין לְעֵילָא, הָבוּ יְקָר לְדִיּוֹקְנָא דְמַלְכָּא**״ - און אויף אזא איינעם רופט מען אויס אויבן, גיבטס כבוד פאר׳ן בילד פונעם קעניג.

**הרה״ק בעל שומר אמונים זצ״ל** ברענגט די ווערטער פונעם זוהר, און ער שרייבט (טהרת הקודש, מאמר שמירת עינים פ״ד): ״אט דאס פאסירט מיט איינער וואס שטארקט זיך אין זיינע נסיונות אין שמירת עינים און ער איז מקיים די מצוה פון ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. דער הייליגער באשעפער רוט אויף זיינע אויגן, און זיי ווערן כביכול ווי א בילד פונעם מלך מלכי המלכים. די גאנצע פמליא של מעלה רעש׳ט מיט אזא איד, און זיי רופן אויס אויף אים יעדן טאג, ״גיבטס כבוד פאר׳ן בילד פונעם קעניג!״

אנא ידע דאת דילי:

## דער גאנצער קערפער שפיגלט זיך אפ אין די אויגן

מיר געפינען אויך אין זוה״ק, אז אין די אויגן שפיגלט זיך אפ די גאנצע קומה פונעם מענטש, אלע איברים זענען אין זיי נכלל. ווי ס׳שטייט אין

## למען תספר:

### ארויסגעצויגן דאס חיות פונעם אינדיק

איינער האט אמאל געפרעגט פון גרויסן גאון וקדוש, דער הייליגער **חכם צבי זצ״ל**, ווי אזוי ס׳איז מעגליך דאס וואס די גמרא זאגט אויף אסאך פלעצער אז די תנאים ואמוראים האבן געקוקט מיט די אויגן און געמאכט א גל של עצמות.

האט אים דער חכם צבי געענטפערט: ״ס׳איז נישט מיין סדר צו מזיק זיין קיין שום באשעפעניש, אבער כדי דיר צו ווייזן ווי אמת די רייד פון די הייליגע חז״ל זענען וועל איך דיר ציינן״. דער חכם צבי איז ארויסגעגאנגען מיט יענעם אין חצר וואו ס׳האט זיך געפונען אן אינדיק, און ער האט קאנצענטרירט זיין בליק אויף דעם אינדיק, ביז ער האט ארויסגעצויגן פון אים זיין גאנצע חיות און ער איז אראפגעפאלן טויט!

**כתבי ר״י** שו״ב עמוד קלט

### נישט געוואלט באגעגענען זיין בליק

איבער די אויגן פון **רבי שלמה מבאבוב הראשון זי״ע** איז באוואוסט אז זיי האבן געהאט א מורא׳דיגע קדושה וואס מען האט דאס שטארק אנגעזען פון אינדערויסן. עד כדי כך איז דאס געגאנגען אז דער דאקטער פון שטאט באבוב וואס פלעגט באהאנדלען הרה״ק רבי שלמה פון צייט צו צייט, האט פארציילט פאר זיין אייניקל הרה״ק רבי שלמה השני מבאבוב, אז ער האט זיך אלעמאל געדארפט צוריקגעהאלטן נישט ארייינצוקוקן אין זיינע אויגן. אויב האבן זיך זייערע בליקן אומווילנדיג באגעגנט, איז אים באפאלן א פחד אין אלע ביינער, און ער האט זיך נישט געקענט ווייטער קאנצעטרירן צו טון זיין ארבעט.

**כרם החסידות** ח״ג עמוד קטו

### אויגן וואס קענען היילן

נאך האט דערציילט הרה״ק רבי שלמה מבאבוב זי״ע, אז ער איז אמאל געווען איינאינעם מיט זיין זיידן **הרה״ק רבי שלמה מבאבוב הראשון זי״ע** ביי די בעדער אין דער שטאט ראַנק אין אונגארן. אין איינעם פון די טעג וואס זיי האבן געוויילט איז זיין זיידעס געגאנגען שפאצירן מיט א גרופע חסידים, און גייענדיג אזוי האבן זיי אנגעטראפן א גרויסן מיניסטער וועלכער איז אויך געווען דארט.

דער מיניסטער האט זיך אינטערעסירט ביי די חסידים ווער עס איז דער ראבינער וואס גייט דא, האט מען אים געזאגט אז דאס איז א גרויסער צדיק וועלכער פירט אן א ישיבה אין דער שטאט ווישניצא אין גאליציע. האט דער מיניסטער געבעטן די חסידים אז ער וויל זיך טרעפן מיט׳ן ראבינער, און די חסידים האבן באשטימט א צייט ווען דער מיניסטער וועט זיך טרעפן מיט׳ן רבי׳ן.

המשך אויף זייט 4

## למען תספר:

המשך פון זייט 3

ווען דער מיניסטער איז אריין צו רבי שלמה'לע באבובער האט ער זיך אויסגערעדט פאר אים דאס הארץ, אז עס איז שוין א לאנגע צייט וואס זיין טאכטער ליידט ל"ע אויף די נערוון, און ער וויל דער ראבינער זאל אים העלפן זי זאל ווערן אויסגעהיילט. דער רבי האט אויסגעהערט דעם מיניסטער, און ווען ער האט געענדיגט האט ער געגעבן זיין ברכה אז זי ווערן אויסגעהיילט.

האט זיך דער מיניסטער אנגערופן, "דער ראבינער האט דאך אזא ליכטיגן געזיכט, און ספעציעל קומט ארויס א שיין פונעם ראבינער'ס אויגן וועלכער האט א כח צו היפנאטיזירן. איך בין זיכער אז אויב מען וועט מיך ערלויבן אהערצוברענגען מיין טאכטער און דער ראבינער וועט קוקן אויף איר מיט זיינע ליכטיגע אויגן וועט זי גלייך אויסגעהיילט ווערן פון איר מרה שחורה!"

האט רבי שלמה'לע באבובער געענטפערט דעם מיניסטער, "צום באדויערן קען איך דאס נישט טון. ווייל אויב איז ריכטיג וואס איר זאגט אז איך האב א כח אין די אויגן, האב איך דאס נאר ווייל איך היט זיי נישט צו קוקן אויף פרויען, ממילא אויב וועל איך קוקן אויף אייער טאכטער אזוי ווי איר בעט, וועל איך תיכף פארלירן דעם כח, דעריבער קען איך דאס נישט טון."

**שבח אהובים** סיפורי באבוב ע' רנב, בשם קונטרס **עדות משמעות** עמ' לו, בשם הרה"ג ר' שלום געללער ששמע ממהר"ש מבאבוב זי"ע

## דער דאקטער דער בעל תשובה

נאך איבער די וואונדערליכע אויגן זיינע ווערט דערציילט, אז ס'איז געווען איינער א איד מיט'ן נאמען בנימין דייטש וועלכער איז געגאנגען שטודירן מעדעצין, ווילנדיג ווערן א דאקטער. דער איד האט שוין געהאט געענדיגט אלע שטודיעס, און ער האט נאך געדארפט בלויז דורכגיין דעם ענדגילטיגן פארהער און ארויסנעמען זיין דאקטוראט.

אויפ'ן וועג גייענדיג אין גאס צו דער שולע וואו דער פארהער האט געדארפט פארקומען, האט ער באגעגנט הרה"ק רבי שלמה מבאבוב. זעענדיג זיינע ליכטיגע אויגן און זיין הייליגע צורה, איז ער ממש באצויבערט געווארן, ער האט זיך נישט געקענט אפרייסן פון אים און ער האט געשפירט א געוואלדיגע אהבה און ווילן זיך צו דרייען נעבן אים.

דער איד האט שוין נישט אפגעלאזט הרה"ק רבי שלמה. ער איז געווארן דבוק אין אים און איז נתהפך געווארן צו א בעל תשובה גמור, זייענדיג מקדיש זיין גאנצן לעבן בלויז אויף תורה ועבודה.

**כרם החסידות** ח"ג עמוד קטו

המשך אויף זייט 5

תיקוני זוהר (תיקון ע' קכח.): "די אויגן זענען ווי דער גאנצער גוף. די צוויי אונטערשטע דעקלעך זענען די צוויי פיס, און די צוויי אויבערשטע דעקלעך זענען די צוויי הענט. אויך זענען די דעקלעך מרמז צו די צוויי ליפן וועלכע קענען זיך אויף עפענען און פארמאכן, און אזוי אויך צו די צוויי רערן פון די לונגען. די אויגן אליין זענען קעגן דעם הארץ פונעם מענטש."

דער לימוד דערפון שרייבט דער **ראשית חכמה** (שם) אז דאס קומט צו ווייזן אז **די גאנצע קומה פון א מענטש ליגט באמת אין די אויגן, און אלעס ווענדט זיך אין די אויגן. אויב ניצט מען זיי ריכטיג, איז דער גאנצער גוף באשיצט, און פארקערט, ברענגט דאס חלילה א חורבן פאר'ן גאנצן קערפער.**

און דער ראשית חכמה איז מוסיף אן אינטערעסאנטן רמז, אז דאס איז די סיבה פארוואס ווען מען קוקט אריין אין עמיצנ'ס שווארץ-אפל, זעט מען דארט אפגעשפיגלט די גאנצע צורה אין קליין, וואס צוליב דעם הייסט דער שווארץ-אפל "אישון" - א קליינער 'איש' (ספר השרשים לרד"ק שורש איש, רד"ק תהלים יז, ח, רבינו בחיי דברים לב, י; ועיין דברים נפלאים בזה בצמח ה' לצבי פ' שלח). דאס האט דער רבש"ע אזוי געמאכט צו ווייזן אז דער גאנצער מענטש איז געוואנדן אינעם אויג.

***

**ממנה הושתת העולם:**

## די קאלירן פון די אויגן - דער גאנצער כדור העולם

נאך איז אונז דער זוהר הקדוש מגלה (ויחי רכו., וכעין זה בתיקונים תיקון ע' דף קכו:) אז דער גאנצער כדור הארץ שפיגלט זיך אין די קאלירן פון די אויגן: דער ווייסער חלק וואס נעמט ארום דעם אויג פון אלע זייטן, דאס איז דער גרויסער **ים אוקיינוס** וואס נעמט ארום די גאנצע וועלט; דער מיטלסטער, רונדעכיגער חלק, דאס איז די **יבשה** וועלכע געפינט זיך אינמיטן דער וועלט מיט וואסער פון אלע זייטן ארום איר; דער דריטער קאליר, וואס געפינט זיך ארום דעם שווארץ-אפל, דאס איז **ירושלים**; און דער שווארץ-אפל אליין, דאס איז **ציון**, וואס פון איר איז באשאפן געווארן די גאנצע וועלט און דארט רוט די שכינה.

דער הייליגער **חיד"א** שרייבט אויף דעם (חסדי אבות על מס' אבות פ"ב מ"א):

> **די סיבה פארוואס דער רבש"ע האט עס אזוי געמאכט, דאס איז אונז צו לערנען ווי גרויס ס'איז דער פגם וואס קומט פונעם קוקן מיט די אויגן וואו מ'דארף נישט, אז דאס איז כדאי חרוב צו מאכן די גאנצע וועלט! דעריבער אויב א מענטש איז זיך מתבונן אין די רמזים פון די אויגן וואס ווייזן אויף דער גאנצער וועלט, וועט ער מורא האבן און ציטערן פון טון אן איסור מיט זיי.**

מיר געפינען טאקע אז דער רבש"ע האט חרוב געמאכט די וועלט ביים מבול מיט וואסער, און **חז"ל** זאגן (סנהדרין קח.) אז דאס איז געווען מדה כנגד מדה, וויבאלד דער דור המבול האט געזינדיגט מיט די אויגן, דערפאר האט זיי דער אויבערשטער געשטראפט מיט וואסער וואס איז גלייך צום רונדעכיגן אויג. איז דער **מהרש"א** מסביר (שם בחידושי אגדות; ועי' עוד ברש"י), אז ווען א מענטש האלט זיינע אויגן פארמאכט און ער קוקט נישט אויף שלעכטס, זעען זיינע אויגן אויס לענגלעכיג. אבער אויב עפנט מען זיי צו קוקן, באקומען זיי א רונדעכיגן פארעם. דערפאר האט זיי דער באשעפער געשטראפט מדה כנגד מדה מיט וואסער וואס נעמט ארום די גאנצע וועלט ווי א רונדעכיגע באל, קעגן דעם וואס זיי האבן געהאלטן אפן זייערע אויגן צו קוקן ראיות אסורות.

***

**ושמרתם את משמרת הקודש:**

## דאס געוואלדיגע אחריות מיט'ן היטן דאס הייליגסטע

פון די אלע הייליגע ווערטער וואס רבי שמעון בר יוחאי שרייבט אונז, זעען מיר ווי ווייט ס'דערגרייכט די קדושה וואס ליגט אין די אויגן, און אז די שכינה הקדושה רוט אין די אויגן פון יעדן מענטש. דאס דארף אונז ברענגען א שטארקע התעוררות אין שמירת עינים. ווי דער **ראשית חכמה** (שם) שרייבט נאכדעם וואס ער ברענגט די אלע ווערטער פון זוה"ק:

ווען א מענטש ווייסט וואספארא רמזים די אויגן פארמאגן אין זיך צו דער מרכבה העליונה, וועט ער היילגן זיינע אויגן ווי ס'דארף צו זיין. און וויבאלד די אויגן ווייזן אויף אזוי פיל שמות הקדושים, אויף דער גאנצער קומה פון א מענטש, און אויף דער גאנצער וועלט, **דעריבער ווער עס היט זיינע אויגן פון זינדיגן, האט א שמירה אויף זיין גאנצן קערפער, און ער האלט די גאנצע וועלט אין זיין זכות**. אויב אבער איז ער ח"ו יא פוגם אין די אויגן, מאכט ער מיט דעם א פגם אין זיין גאנצער קומה און אין דער גאנצער וועלט, און אויך דערגרייכט דער פגם ח"ו אין דער שכינה הקדושה וואס ליגט אינעם שווארץ-אפל פונעם אויג.

דערפאר טאר א מענטש נישט קוקן אויף קיין שום דבר ערוה, און אפילו בלויז זיך אנזעטיגן מיט קוקן אויף דברי הרשות. ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (פנחס רכט בסופו): "**רְאִיָּה וּשְׁמִיעָה דְּלֵית תַּמָּן אוֹרַיְיתָא וּמִצְוָה, קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ לָא שַׁרְיָא תַּמָּן**" - א ראיה אדער שמיעה וואס איז נישט פאר דער תורה אדער א מצוה, רוט נישט דער רבש"ע דארט.

**הרה"ק רבי חיים פאלאגי זצ"ל** שרייבט (רוח חיים, אבות פ"ב א): "אפילו דורך איין קוק קען מען מתקן זיין אדער מקלקל זיין אסאך וועלטן!"

***

## תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו, הוא ימליץ טוב בעדינו, אדונינו בר יוחאי

## למען תספר:

### דער שליחות אין ווין

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט פארציילט, אז אמאל האבן זיך עטליכע צדיקים צאמגענומען, און זיי האבן אפגעמאכט צווישן זיך אז מ'דארף מבער זיין דעם עסטרייכישן קייזער פון דער וועלט. איז געווען דארט צווישן זיי **הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע**, האט ער זיך אנגערופן אז דאס איז זייער א גרינגע זאך צו טון, ווי מיר געפינען אין חז"ל אז מ'קען מיט'ן בלויזן קוקן אויף איר אים פארוואנדלען אין א גל של עצמות.

האבן די איבריגע צדיקים געזאגט אז אויב אזוי זאל ער דאס טאקע טון, און רבי משה לייב סאסובער האט גענומען אויף זיך די אויפגאבע. צום ערשט איז ער ארויסגעגאנגען אינדרויסן פונעם גרעניץ פון זיין קעניגרייך מתפלל צו זיין ביים אויבערשטן ער זאל אים העלפן, זאגנדיג אז אין זיין גרעניץ וויל ער נישט מתפלל זיין, וויבאלד ער האט מורא פון דעם קייזער'ס שר.

דערנאך איז ער געפארן צו דער הויפשטאט ווין וואו דער קייזער האט געוואוינט, און ער איז געגאנגען ביז'ן פאלאץ און געבעטן אז ער וויל אריינגיין זען דעם קייזער. אנקומענדיג אינעווייניג, האט ער זיך געבוקט פאר אים און אים אנגעהויבן שטארק צו רימען, ווען אין זיין הארץ האט ער אינזין פאר'ן מלך מלכי המלכים.

רבי משה לייב האט שטארק אויסגענומען ביים קייזער, און ער האט אים געפרעגט וואס איז זיין באגער, אויף וואס רבי משה לייב האט געענטפערט אז זיין גאנצער באגער איז בלויז צו זען דעם קייזער. ער האט זיך דערנאך אויפגעשטעלט און געקוקט אויף אים מיט זיינע הייליגע אויגן, און ער האט זיך אפגעזעגנט און ארויס.

דער קייזער איז געווען גרויס אינעם כח הטומאה, און ווי נאר רבי משה לייב איז ארויס, האט ער געשפירט וואס ער האט דא געטון. ער האט גלייך געשיקט נאך אים מ'זאל אים צוריקברענגען אין פאלאץ, אבער רבי משה לייב איז תיכף ומיד אוועקגעפארן פון שטאט און מ'האט אים מער נישט געפונען.

ס'האט נישט געדויערט קיין לאנגע צייט פון רבי משה לייב איז ביי אים געווען, און דער קייזער איז שטארק קראנק געווארן. ער איז געווארן אלס מער און מער קראנק, ביז ער איז געשטארבן פון דער מחלה. כן יאבדו כל אויביך ה'.

**כתבי ר"י שו"ב** עמוד קצט, **סיפורי מרן הרמ"ח** עמוד קפז

### אוועקגעלייגט דעם אראבער מיט די אויגן

**הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע** (וועמענ'ס יארצייט געפאלט דעם קומענדיגן כ"ז אייר, ספירת יסוד שביסוד) איז געווען באקאנט מיט זיין אויסערלישער קדושה וטהרה אויף טריט און שריט, היטנדיג זיינע אויגן ווי צוויי דימאנטן מיט א מורא'דיגן זהירות.

המשך אויף זייט 6

## ולא תחללו את מקדשי:

# נישט אריינלאזן טיטוס הרשע אינעם קדשי קדשים!

דער **של"ה הקדוש** (שער האותיות אות ל' לב טוב) שרייבט גאר פארכטיגע ווערטער באזירט אויף די ווערטער פון זוהר הקדוש אז דאס הארץ פון א מענטש איז מכוון אנטקעגן דעם קדשי קדשים:

**דאס הארץ פון א מענטש, וועלכע האלט אים ביים לעבן, ליגט אינמיטן פונעם קערפער, און דאס איז אנטקעגן דעם קדשי קדשים וואס געפינט זיך פונקט אינמיטן דער וועלט, אזוי ווי ס'שטייט אין זוהר הקדוש. דעריבער דארף מען זען שטענדיג אז דער קודש קדשים זאל בלייבן מיט זיין קדושה, ס'זאל קענען זיין א וואוינארט פאר דער שכינה, ווי דער פסוק זאגט "ושכנתי בתוכם". אויב איז מען אבער מטמא דאס הארץ ח"ו דורכ'ן טראכטן אומריינע מחשבות, ברענגט מען מיט דעם אריין א צלם לפני ולפנים רח"ל.**

ענליך שרייבט אויך דער גרויסער גאון גאון וקדוש **רבי חיים מוואלאזשן זצ"ל** אין זיין ספר נפש החיים (שער א' פרק ד'):

**וויבאלד דאס הארץ פון א מענטש איז דער קדשי קדשים, קומט אויס אז אין דער צייט וואס דער מענטש טראכט אן אומריינע מחשבה, ברענגט ער רח"ל אריין א זונה אינעם בית קודש הקדשים העליון [וויבאלד דאס געשטעל פון א איד איז מכוון קעגן די עולמות העליונים] און ער שטארקט די כוחות הטומאה און די סטרא אחרא אינעם קדשי קדשים העליון, נאך אסאך מער פון וואס עס איז נגרם געווארן דורך טיטוס הרשע וועלכער האט אריינגעברענגט א זונה אינעם קדשי קדשים פונעם בית המקדש דלמטה!**

~

דער מגיד מישרים **רבי שמשון פונקס ז"ל** האט אמאל נאכגעזאגט דעם נפש החיים, צולייגנדיג אז פון זיינע נורא'דיגע ווערטער קען מען גלייכצייטיג ארויסנעמען אויך דאס פארקערטע, דאס געוואלדיגע חשיבות פון א איד וואס איז זיך מתגבר אויף זיינע מחשבות, ער האלט זיך אפ פון טראכטן שלעכטס, און ער היט זיינע אויגן נישט אריינצונעמען אין זיין הארץ קיין אומריינע זאכן.

ווייל אויב א מענטש וועלכער טראכט אומריינע מחשבות ברענגט ער דורכדעם אריין טומאה בבית קודש הקדשים, איז דאך דאס זעלבע פארקערט, אז איינער וואס ווען ס'קומען אים אריין אין הארצן אזעלכע געדאנקען טוט ער תחבולות זיי ארויסצונעמען פון דארט, ציט ער יענער סעקונדע ארויס די טומאה פונעם בית קדשי קדשים, ער איז מטהר דעם בית המקדש!

חכמינו ז"ל זאגן אונז (בבא בתרא קסד:), אז איינע פון די זאכן פון וואס קיינער ווערט נישט ניצול יעדן טאג איז הרהור עבירה. דאס איז א אנגייענדע עבודה פונעם מענטש א גאנץ לעבן. דאס איז געווען אפילו בזמן הגמרא, ווער רעדט נאך היינט, ווען מיר לעבן אין א דור פול מיט נסיונות און די הרהורים וואס טרעפן אן דעם מענטש איז שרעקליך רח"ל. אבער מיר דארפן געדענקען, אז א איד וואס איז זוכה זיך צו שלאגן דערמיט, און אפילו ס'איז אים אריינגעקומען א מחשבה שטופט ער דאס אוועק עס נישט איבערצוטראכטן נאכמאל, ער פראבירט צו אנטלויפן דערפון, דער איז א איש גדול וקדוש.

ווען א איד פרובירט צו היטן זיינע אויגן און זיין טהרת המחשבה, ער ווארפט ארויס פון הארצן די מחשבות און הרהורים רעים, איז ער פשוט מקדש דעם קדשי קדשים. ער טוט די עבודה וואס די חשמונאים האבן געטון ווען זיי האבן אויסגערייניגט דעם בית המקדש, "באו לדביר ביתך ופינו את היכלך וטיהרו את מקדשך"!

א מענטש זאל זיך מתבונן זיין: ווען מען גיבט מיר יעצט די ברירה צו שטיין ביי דער טיר פונעם 'קדשי קדשים' און איך האב דעם כח אפצוהאלטן טיטוס הרשע פון אריינגיין אינעווייניג און מטמא זיין דאס הייליגסטע פלאץ, וואלט איך זיך דען נישט געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אים נישט צו דערלאזן דאס טון?

ממש דעם תפקיד האט יעדער איד יעדן טאג. דער מינוט ווען ס'קומט אים אונטער א נסיון אין שמירת עינים, א מלחמה אין טהרת המחשבה, און ער שטעלט זיך קעגן דעם יצר הרע, האלט ער אפ פון אריינברענגען די טומאה אינעם קדשי קדשים העליון. דאס איז דער גרעסטער נחת רוח וואס ער קען מאכן פאר'ן רבש"ע! (ע"פ תפארת שמשון עה"ת פ' כי תצא)

# מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע לייענער פונעם גליון

## איינשטעלן "סאושעל דיסטענסינג"

אין דער יעצטיגער שווערער תקופה וואס מיר גייען דורך, זוכט יעדער איד צו פארשטיין וואס דער רבש"ע וויל פון אונז.

האב איך געקלערט אז יעצט הייסט מען דאך אלעמען צו מאכן "סאושעל דיסטענסינג". כאטש מ'וויל זיך טרעפן מיט נאנטע און באקאנטע, מוז מען זיך צוריקהאלטן פון גיין, און אפילו וועט מ'זעט זיך יא, דארף מען שטיין אפגערוקט איינער פונעם אנדערן און אנהאלטן א געוויסער ווייטקייט.

דאס איז מעגליך א רוף פון הימל מיר זאלן איינשטעלן "סאושעל דיסטענסינג" און מקיים זיין ריכטיג די גדרי הצניעות. בפרט אין דער ארבעט וואו מ'איז איניאיעם, דארף מען שטעלן א שמירה יתירה צו זיין אפגערוקט ווי אזוי די הלכה פארלאנגט. ובזכות זה וועלן מיר זוכה זיין למנוע ממנו ומעל כל עם ישראל משחית ומגיפה, און צו אלע ישועות ורפואות, אמן.

(-)

## פארמאכן די פענסטער בשעת א מגיפה

לכבוד דער חשוב'ער מערכת "טהור עינים".

ס'איז פאסיג נאכצוברענגען אין דער יעצטיגער צייט די גמרא אין מסכת בבא קמא (ס, ב), "רבא בעידן ריתחא הוי סכר כוי" - רבא פלעגט פארמאכן די פענסטער ווען ס'איז געווען א מגיפה רח"ל, וויבאלד ס'שטייט אין פסוק (ירמיה ט, כ) "כי עלה מות בחלונינו".

אין ספר "דרש משה" (מובא בליקוטים לעין יעקב שם) וואונדערט ער זיך אויף דער גמרא, אז לכאורה איז באקאנט פאר יעדן פון די דרכי הרפואה אז ווען ס'איז דא א מגיפה דארף מען עפענען די פענסטער, ס'זאל אריינקומען פרישע לופט. ווי קען זיין אז רבא האט פארמאכט די פענסטער, וואס דאס מאכט בלויז ערגער?

זאגט ער אז ס'איז ברור אז די גמרא מיינט טאקע נישט פשוט פארמאכן די פענסטער - דאס דארף מען האלטן אפן. נאר די אויגן פון א מענטש ווערן אנגערופן אין פסוק "פענסטער" (קהלת יב, ג), וויבאלד דורך זיי זעט א מענטש. און אויף דעם איז די גמרא'ס כוונה, אז רבא האט מוסיף געווען א שמירה יתירה אויף די אויגן, וויבאלד א פגם אין די אויגן קען חלילה גורם זיין אז דער מלאך המגיפה זאל זיך אריינכאפן, ווי דער פסוק זאגט "כי עלה מות בחלונינו".

(-)

## חיזוק במצב הקורונה

לכבוד העורכים הנפלאים ממערכת "טהור עינים", אשרי חלקיכם לעד שאתם מזכים את הרבים בחיזוק בשמירת העינים.

והנה כעת שיש המגיפה הנוראה "קורונה", רחמנא ליצלן, בוודאי כל מי שמתחזק בשמירת העינים, זה שמירה מיוחדת עליו שינצל לגמרי מהקורונה. ורמז נאה לכך, ממה שכתב בטור או"ח (סימן א') וזה לשונו: "ואמר "קל כנשר", כנגד ראות העין, ודימה אותו לנשר, כי כאשר הנשר שט באויר, כך הוא ראות העין, לומר שתעצים עיניך מראות ברע, כי היא תחילת העבירה, שהעין רואה והלב חומד וכלי המעשה גומרין". עכ"ל.

והנה הרמז על שמירת העינים, שאמר "קל כנשר", והנה "קל" ראשי תיבות: "ק'רונה ל'א", רמז מי שמקיים "קל כנשר", שעוצם עיניו מראות ברע, אצלו מתקיים "ל'א ק'רונה". ונפלא ב"ה.

קוב"ה ישמור אותנו תמיד לעד ולנצח נצחים מכל רע, ונשמע ונבשר תמיד רק בשורות טובות אמן כן יהיה רצון.

בברכת כהנים באהבה כעתירת

**ממליאך הכהן רבינוביץ**

מח"ס "גם אני אודך" ו"פרדס יוסף החדש" על המועדים.

# מי כעמך ישראל

### חודש ניסן תש"פ:

## שמירת עינים מיט'ן קאראנע-ווירוס אין שפיטאל

פאלגנד איז א מורא'דיגע פאסירונג, איבערגעגעבן דורך א משפחה מיטגליד פון הרה"ח ר' יחזקאל קליין ע"ה, וועלכער איז איז נארוואס אוועק פון דער וועלט דורכ'ן שרעקליכן ווירוס אין עלטער פון 83 יאר:

ווי באקאנט לאזט מען נישט אריין יעצט אין די שפיטעלער קיין קרובים און באקאנטע פון די חולים. ב"ה מיר האבן געהאט די געלעגנהייט צו קענען האבן א פארבינדונג מיט די קראנקן-שוועסטער דורכ'ן טעלעפאן, און זיי האבן אונז דער גאנצער צייט געהאלטן אינפארמירט איבער'ן מצב פון ר' יחזקאל. זיי האבן אונז כסדר געזאגט אז ער ווערט בעסער און ער באוועגט זיך מער, אבער דער רצון ה' איז געווען אנדערש, און אין איינעם פון די טעג האבן מיר באקומען די פלוצלינדיגע בשורה אז ער איז מער נישט דא.

רעדנדיג מיט די קראנקן-שוועסטער במשך די טעג, האבן זיי אנגעמערקט אז זיי זענען אן אינטערעסאנטע זאך וואס זיי ווייסן נישט פשט דערפון, אז כאטש ר' יחזקאל ווערט בעסער און ער טוט וואס זיי בעטן פון אים, זיך ארומדרייען, עפענען דאס מויל, אא"וו, אבער איין זאך טוט ער נישט: עפענען די אויגן. ס'איז זיי געווען אויפפאלנד, ווייל שפעטער ווען דער דאקטער איז אריינגעקומען צו אים אין צימער, דעמאלסט האט ער יא געעפנט די אויגן...

פאר אונז אין דער משפחה, וואס מיר האבן אים געקענט פון דער נאנט, איז עס שוין גארנישט געווען אויפפאלנד. טראצדעם וואס ער איז געווען א בן שמונים און ער איז געליגן על ערש דוי ראנגלענדיג זיך מיט'ן לעבן, האט ער אבער געהאלטן קאפ אויף זיין שמירת עינים, און דאס איז כאטש וואס אלע איינגעשטעלט אין שפיטאל אין די יעצטיגע טעג גייען איבערגעדעקט פון קאפ ביז פיס. ר' יחזקאל האט טאקע זוכה געווען צוריקצוגעבן זיין נשמה ליוצרה הייליג און לויטער.

יהא זכרו ברוך!

# למען תספר:

המשך פון זייט 5

דער צדיק, וועלכער האט א גאנץ לעבן אכטונג געגעבן אויף זיינע אויגן זיי זאלן נישט נפגם ווערן אויפ'ן מינדעסטן אופן, האט טאקע זוכה געווען צו הייליגע אויגן, און מיט זייערער כח האט ער געקענט ברענגען א ישועה פאר אידנסווענגן, ווי מ'זעט פונעם פאלגנדן סיפור:

געווען איז עס אין דער תקופה איידער ס'האט אויסגעבראכן די מלחמה צווישן די ציונים און די אראבער פון שנת תש"ח. ס'האט געהערשט דעמאלטס א שטארקע אנגעצויגנקייט מיט די אראבער, אבער די טויערן פון אלט-שטאט זענען נאך געווען אפן. רבי שלמה'קע פלעגט טאקע גיין יעדן טאג צום כותל המערבי מיט א באגלייטער דאווענען תפלת מנחה.

איין טאג ווען ער איז געווען אויפ'ן וועג צוריק, גייענדיג אין ריכטונג פון שער שכם, האבן פלוצלינג געוומען פליען אויף זיי שטיינער פון אויבן. אן אראבישער יונגטליכער איז דארט געשטאנען און באווארפן די אידישע פארבייגייער, ווילנדיג זיי פארשטיינען רח"ל.

זעענדיג די סכנה, האט רבי שלמה'קע אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן און געקוקט דעם מערדער אין פנים אריין. ער האט אזוי געקוקט אויף אים עטליכע מינוט, ביז דער אראבער איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און זיך אויסגעשטרעקט א טויטער!

**עולמו של חסיד** ע' קעז

# הוצאות טהור עינים

Cong. Tahor Eineyim | 802.327.3592

1 Karlsburg Rd. #203 Monroe NY 10950

פאר נדבות, הערות, רופט:

**802.327.3592**

*נשמח לשמוע הערות

צו מנדב זיין אין **לאנדאן** רופט:

**447966658159**

צו מפרסם זיין א מעשה רופט:

**845.206.9879**

אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת

# על הטוב יזכר

### זכות 3,000 גליונות

נתנדב לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ** זי"ע

### ואלו שקנו זכות 1,000 גליונות:

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו

**לברכה והצלחה בכל ענינים**

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

**לע"נ התנא אלוקי ר' שמעון בר יוחאי, ולע"נ הרה"ק ר' שלמה מזוועהיל זצ"ל - כ"ו אייר**

**השי"ת יעזור שהזכות של זיכוי הרבים יעמוד לכל העוזרים במלאכת הקודש שיתברכו בכל טוב, בני ברוכי, חיי ארוכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא**

# מודעות לאור המצב

מיר ווילן בעטן אז אזוי ווי מיר קענען יעצט נישט צושפרייטן דעם גליון אין די בתי מדרשות ביטע זייט מזכה הרבים און מאכט אליינס קאפיס און לייגט דאס ארויס אין עפנטליכע פלעצער, ווי מקוה שטיבלעך\ געשעפטן \ צענטראלע גאסן \ אד"ג

**אויב ווילט איר זיך אויפסיינען צו באקומען די גליונות אויף אימעיל ביטע רופט אריין צום מערכת און זאגט אריין קלאר אייער אדרעס**